גליון

# אָמֵן וְאָמֵן

אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו קורעין לו גזר דינו

אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונין

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש כסלו תשפ"ה | גליון ר"ט

# דער סגולה פונ'ם "קדיש דרבנן' נאך "קוה"

אויך דער "קדיש דרבנן" וואס מ'זאגט נאך "קוה" דארף חיזוק, און דער מעלה דערפון איז גאר גרויס און איז מסוגל פאר ישועות ורפואות און אלעם גוטן, און אזוי ווי עס האט פארציילט דער חסיד רבני נחום מרדכי פרוס ז"ל וועלכער איז געווען פון די חסידים פון הרה"ק ר' יצחק מסקווירא זי"ע, און ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל האט ער זיך געווייקט אין שאטן פון הרה"ק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע [וואס זיין יארצייט געפאלט אויס כ"ט כסליו נר חמישי דחנוכה] און ער האט זוכה געווען צו זיין גאר שטארק אנגעהאפטן אין אים.

בערך 10 יאר נאך די הסתלקות פון הרה"ק מהוסטיאטין איז געקומען אויף דער איד גרויסע צרות און ער האט נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן, אבער נאך מער האט ער געווייטאגט אז ער האט נישט קיין חכם צו וועמען זיך צו ווענדן.

יענע נאכט האט זיך זיך רבי אנטפלעקט צו אים אין חלום, און ר' נחום מרדכי האט אים געגעבן א 'קוויטל' און מזכיר געווען זיין צרה. דער סטואטיענער האט געליינט דעם קוויטל און זיך אנגערופן צו אים ווי פאלגענד: ווען משה רבינו איז אראפ פונ'ם בארג נאך 40 טעג, האט אים דער אייבערשטער בכבודו ובעצמו אנטפלעקט אז **דער 'קדיש דרבנן' וואס מ'זאגט נאך די תפילה פון 'אין כאלוקינו' איז מסוגל פאר א רפואה און א ישועה אין יעדן ענין**, און דער צדיק האט פארענדיגט: איר קענט עס זאגן אין מיין נאמען". און מיט דעם האט ער זיך געזעגנט פונ'ם צדיק.

ער חלומ'ט זיך ווייטער ווי ער גייט צום "יבנה שול" אין תל אביב [וואס ער האט אויפגעשטעלט און געפירט מיט מסירות נפש] און ער האט דערציילט דער חלום פאר די חשוב'ע בני הקהילה און זיי האבן אים געזאגט מיט התפעלות אז דאס מוז זיין אן "הלכה למשה מסיני" ווייל דער צדיק האט דאך עס נאכגעזאגט פון משה רבינו וואס האט עס מקבל געווען פון הקב"ה!, און דערמיט האט ער זיך ערוועקט פון זיין חלום!

פון דאן האט דער חסיד אנגעהויבן מקפיד זיין צו הערן 'קדיש דרבנן' און ענטפערן 'אמן', און ביז עטליכע טעג זענען אלע זיינע צרות מסודר געווארן אויפ'ן שענסטן אופן.

(ספר 'באר התפילה' עמ' שלט)

## טייערער איד!

ווען דו יאגסט זיך צו פארלאזן דעם בית המדרש אינמיטן "קוה" טראכט נאר אריין צי עס לוינט זיך צו פארפאסן דעם **"קדיש דרבנן"** וואס איז אזא גרויסע עת רצון, און דאס איז אין צוגאב צו די עטליכע **"אמן'ס" און "יהא שמיה רבא"** וואס דו קענסט אריינכאפן, וואס דאס אלעס וועט דיך באגלייטן פאר דיין טאג זאלסט זען ברכה והצלחה בכל מעשי ידיך!

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ז"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ